# Wer iz wer

## Willy Brill

***Sjolom Alejchem*. ps.van Sjolom Rabinowitz 1859-1916**

Van jongs af aan wilde Sjolom schrijver worden. Een goede vriend van zijn vader had het al voorspeld: ‘Die jongen wordt nog eens een echte boekenschrijver - in de Hebreeuwse taal natuurlijk!’ Maar een andere goede vriend was van mening: ‘Als die blaag ooit iets wil worden, moet hij in het Russisch schrijven, niet in het Hebreeuws.’ Kortom, wie zou op de dwaze gedachte kunnen komen dat *die blaag* in het Jiddisj ging publiceren? Jiddisj was toch geen taal! Nou ja, praten deed je wel in het Jiddisj, maar schrijven in dat jargon, dat halve Duits, hoe haal je het in je hoofd...!

Sjolom Alejchem werd de meest beminde en meest gelezen Jiddisje schrijver van zijn tijd. Zijn oeuvre bevat achtentwintig banden romans, verhalen, feuilletons, toneelstukken, monologen, essays en brieven. Volgens de Encyclopaedia Judaica zijn er zeshonderd boeken, artikelen en recensies geschreven over zijn werk, dat vertaald werd in meer dan negentig talen, waaronder Chinees, Japans, Perzisch, Armeens en Swahili. Zijn humor bleek geen grenzen te kennen.

Hij schreef waar hij zich ook maar bevond, zittend, liggend, lopend, op de markt, op de beurs, in de trein, of temidden van feestvierende familie en vrienden. Tijdens het achtste zionistische congres van 1907 in Den Haag noteerde hij de volgende indrukken:



גאָט האָט מיך געבּענטשט מיט אַ מאַנדאַט אַלס דעלעגירטער פון אַ ציוניסטישן פאַרײַן, און ווי באַלד אַז איך האָבּ אַ מאַנדאַט און בּין אַ דעלעגאַט און פאָר מיט נאָך דעלעגאַטן, וואָס פאָרן מיט מאַנדאַטן, מוז איך זיך אונטערוואַרפן אונטער דער גאַסטפרײַנדלעכקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און געוויס עמפּפאַנגען ווערן מיט כּבוד, רעש, מיט פּאָמפּע, אפשר אויך מיט מוזיק און געזאַנג. אָבּער ניין, קיין געזאַנג און מוזיק איז איצטיקעס מאָל ניט געווען. פאַרטיפט אין טרויעריקע מחשבות* בּין איך געשטאַנען מיט מײַן פּעקל אויף דער שוועל פון דער קליינער נאָר טומלדיקער שטאָט האַג, דאָרט ווו בּרוך שפּינאָזאַ האָט זיך אַ מאָל אַרומגעבּלאָנקעט און געשאַפן די גרעסטע, די פרײַסטע אידעען אין דער וועלט, פאַר וועלכע ער האָט געקראָגן די גרעסטע קלעפּ אין דער וועלט. (...) ווײַסע פלאַגן, בּלויע מגן-דודס*, הויכע אויסגעשרייען ״שאַלאָם״, יידישע אויגן, יידישע פּנימער, יידיש לויפן, יידיש כאַפּן זיך, און ווו? ערגעץ אין האָלאַנד, דאָרט ווו די ליכטיקייט פון דער זון פירט אַ שטרײַט מיט דער קלאָרקייט פון די גאַסן, דאָרט ווו עס קעניגט אַ פרוי ווילהעלמינאַ, אַן ענגל פון גאָט, אין וועלכע איך האָבּ מיך שטערבּלעך פאַרליבּט נאָך איידער איך האָבּ מיך מיט איר בּאַקענט. (...)

צו מײַן פאַרפיגונג האָט זיך אַרויסגערופן אַ פאַרשוין מיט אַ מגן-דוד, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען מיך בּרענגען צו אַ געווינשטער ווינונג.

זוכנדיק אַ ווינונג בּין איך געוואָר געוואָרן, אַז אין האָלאַנד, כאָטש עס איז פיל קלענער ווי רוסלאַנד, קאָנט איר געפינען ניט קיין ערגערע ווינונג ווי אין בּאַרדיטשעוו אָדער אין ווילנע. דער גאַנצער אונטערשייד איז וואָס אין בּאַרדיטשעוו

אַז איר ווילט זיך אַראָפּלאָזן אין אַ לאָך, אָדער אין ווילנע אין אַ הינטער-קעלער, גייט איר אַראָפּ דרײַ-פיר טרעפּלעך און אַ סוף. אָבּער אין האַג דאַרפט איר זיך דראַפּען* מיט סכּנות נפשות* אויף שמאָלע הויכע טרעפּלעך כּמעט אויף אַלע פיר.*

און אַז איר קריכט אַרויף גלייבּט זיך אײַך ניט אַז איר זענט אין האָלאַנד.

סוף-כּל-סוף בּין איך געהאָלפן געוואָרן דורך דעם זעלבּן מיטל וואָס דאָרט בּײַ אונדז אין דער היים, ווו מע קאָן צו יעדער צײַט געהאָלפן ווערן, אַבּי איר האָט מיט זיך דאָס בּיסל מזומנים* אָדער אַ טשעק אין בּאַנק.

מחשבות= gedachten מגן-דוד= Davidsster דראַפּען=klauteren סכּנות נפשות=
levensgevaar אויף אַלע פיר= op handen en voeten מזומנים= klinkende munt